**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/1/2022 **גאווערנער קעטי האָוקול**

**גאווערנער האוקול גיבט ארויס פראקלאמאציע צו פייערן ׳+LGBTQ שטאלץ מאנאט׳**

***ערשטע לאטינא +LGBTQ ריכטער נאמינירט צום קלעימס געריכט אין ניו יארק סטעיט***

***׳איי לאָוו ניו יארק LGBTQ׳ גיבט ארויס 2022 שטאלץ וועגווייזער***

***דאס היסטארישע הייבן דעם +LGBTQ פארשריט פאן לענגאויס ניו יארק סטעיט***

***סטעיט מערקפונקטן צו ווערן באלאכטן אום יוני 1 און דורכאויס דעם מאנאט***

***נייע פארשטעלונג עפענט זיך ביי דעם ניו יארק סטעיט קאפיטאל וועלכע שיינט א ליכט אויף די ראנגלענישן פאר רעכטן פון +LGBTQ מיליטערישע דינסט מיטגלידער אין דער אמעריקאנער ארמיי***

***לערנט אייך מער איבער דער פארשטעלונג און זעט בילדער [דא](#)***

***לייענט פראקלאמאציע [דא](#)***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט ארויסגעגעבן א פראקלאמאציע צו באשטימען יוני 2022 אלס ׳+LGBTQ שטאלץ מאנאט׳. די גאווערנער האט אויך אויסגעמאלדן דעם ערשטן לאטינא עפנטליך-+LGBTQ ריכטער נאמינירט צום ניו יארק סטעיט קלעימס געריכט, איניינעם מיט נאך עטליכע מאסנאמען צו אנערקענען +LGBTQ ניו יארקער און פייערן זייערע ביישטייערונגען צו אונזער סטעיט, אריינגערעכנט דאס ארויסגעבן דעם ׳איי לאָוו ניו יארק LGBTQ׳ 2022 שטאלץ וועגווייזער, דאס הייבן דעם +LGBTQ פארשריט פאן לענגאויס דעם סטעיט, דאס באליכטן סטעיט מערקפונקטן אין די קאלירן פון דעם +LGBTQ שטאלץ פאן, און דאס עפענען א נייע פארשטעלונג אינ׳ם סטעיט קאפיטאל ארויסצוהייבן +LGBTQ מיליטערישע דינסט מיטגלידער אין דער אמעריקאנער ארמיי דורכאויס ׳שטאלץ מאנאט׳.

״׳שטאלץ מאנאט׳ איז א צייט צו פייערן די אומצאליגע ביישטייערונגען פון דער +LBGTQ קאמיוניטי צו ניו יארק סטעיט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״פאר יעדן ניו יארקער, אפגעזען זייער דזשענדער אדער סעקסועלע אידענטיטעט אדער אויסדרוק קומט זיך א רעגירונג וואס אנערקענט זיי פאר ווער זיי זענען און גיבט זיי אן ארט פון ווערד, ליבשאפט, און געמיינזאמקייט. פון די גרויסע פארשריטן אין +LGBTQ גלייכקייט דערגרייכט אלס טייל פון אונזער לעצטנס-דורכגעפירטער בודזשעט, ביז די היסטארישע נאמינירטע קאנדידאט, וועט מיין אדמיניסטראציע ווייטער קעמפן צו העלפן זיכער מאכן גלייכקייט און רעספעקט פאר דער +LGBTQ קאמיוניטי.״

פאריגע וואך, האט גאווערנער האוקול נאמינירט ריכטער האוויער ענריקע ווארגאס, פון ניו יארק קאונטי, צום ניו יארק סטעיט קלעימס געריכט. ריכטער ווארגאס וועט זיין דער ערשטער עפנטליכער-געי מאן און לאטינא LGBTQ+ ריכטער באשטימט צום קלעימס געריכט. די דאזיגע אדמיניסטראציע שטאלצירט זיך שטארק אין אריינגעמען היסטארישע LGBTQ+ פארטרעטערשאפט, איבערהויפט אן LGBTQ+ מיטגליד פון דער לאטינ-עקס קאמיוניטי, אלס טייל פון דער היסטארישער קלאס פון באשטימונגען וואס באשטייט פון גאר קוואליפיצירטע פארשידנארטיגע מענטשן.

גאווערנער האוקול האט אויך אויסגעמאלדן אז, דאס ערשטע מאל אין ניו יארק סטעיט, וועט דער פראגרעסיווער שטאלץ פאן געהויבן ווערן ביי סטעיט פארקס לענגאויס ניו יארק אפצוצייכענען דער אנהייב פון 'שטאלץ מאנאט'. אין צוגאב וועט דער פאן געהויבן ווערן ביי דעם סטעיט קאפיטאל, פלאזא און גאווערנער'ס פאלאץ אום יוני 10 ביים אנהייב פון קאפיטאל שטאלץ וויקענד אין דעם קאפיטאל ראיאן. דער פאן וועט אויך געהויבן ווערן ביי דעם אדאם קלעיטאן פאוועל דזשוניאר סטעיט אפיס געביידע אין הארלעם, עלענאר רוזוועלט סטעיט אפיס געביידע אין פאוקיפסי, הודסאן וואלי טראנספארטאציע פארוואלטונג צענטער אין האוטארן, פערי בי. דוריעיא סטעיט אפיס געביידע אין האופפאודזש דורכאויס דעם 'שטאלץ מאנאט'.

נאך א צוויי-יעריגע פאנדעמיע פויזע, וועט 'איי לאַוו ניו יארק', דורך איר 'איי לאַוו ניו יארק LGBTQ' אונטערנעמונג, זיך באטייליגן אין שטאלץ פראגראמען איבער גאנץ ניו יארק, אריינגערעכנט אלבאני, באפעלאו, פייער איילענד, הארלעם, ניו יארק סיטי און ראטשעסטער, אויף זיך צו פארבינדן מיט באטייליגטע און זיי באקאנט מאכן מיט אלע גאר דערהייטערנדע דעסטינאציעס וועלכע ווארטן זיי אפ לענגאויס דעם סטעיט.

א ניי-גע'אפדעיט'עטע 'איי לאַוו ניו יארק LGBTQ' מייקרא-וועבזייטל און א געדרוקטע 'איי לאַוו ניו יארק LGBTQ' רייזע וועגווייזער זענען צו באקומען צו העלפן באזוכער אידענטיפיצירן חשוב'ע זאכן צו זען און טון, סיי דורכאויס 'שטאלץ מאנאט' און דורכאויס דעם גאנצן יאר. 'איי לאַוו ניו יארק' שטעלט אויך אין גאנג אן 'איי לאַוו ניו יארק 2022' שטאלץ וועגווייזער בלאג, צו שטיצן קאמיוניטי צוזאמארבעטער און שטיצן טוריזם דורך ארויסהייבן שטאלץ פייערונגען, און אנדערע LGBTQ פראגראמען און אטראקציעס לענגאויס דעם סטעיט.

די סטעיט מערקפונקטן וועלן באלאכטן ווערן אין אנערקענונג פון 'LGBTQ+ שטאלץ מאנאט' אום יוני 1 און יוני 23 ביז 30, אריינגערעכנט:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- גאווערנער מעריאו עם. קאומאו ברידזש
- קאסציאושקא ברידזש
- דער העיטש. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא פאַלס
- דער 'פראנקלין די. רוזוועלט' מיטל-הודסאן ברידזש
- גרענד צענטראל טערמינאל - פערשינג סקווער וויאדוקט
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג

דער קאפיטאל סטעיט מערקפונקטן וועלן באלאכטן ווערן אין אנערקענונג פון קאפיטאל ראיאן LGBTQ+ שטאלץ וויקענד׳ אום יוני 10 ביז יוני 13, אריינגערעכנט:

- דער העיטש. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג

די גאווערנער האט אויך אויסגעמאלדן דאס עפענען *׳מיט שטאלץ און זעלבסט-עהרע׳*, א נייע פארשטעלונג וואס הייבט ארויס די ראנגלענישן פאר די רעכטן פון LGBTQIA+ מיליטערישע דינסט מיטגלידער אין דעם אמעריקאנעם מיליטער און ווייזט וויאזוי ניו יארק סטעיט שטיצט דעם קאמף קעגן דיסקרימינאציע. די פארשטעלונג געפונט זיך אין דער קריגס-צימער אויפ׳ן צווייטן שטאק פון דעם ניו יארק סטעיט קאפיטאל און וועט לויפן ביז סוף יוני. פאר מער אינפארמאציע איבער די פארשטעלונג, באזוכט דעם ניו יארק סטעיט קאפיטאל, און צו זען בילדער [דא](#).

פאריגע וואך האט גאווערנער האקול [געמאלדן](#) אז ניו יארקער האבן איצט די ברירה זיך אויסצוקלויבן ׳X׳ אלס א דזשענדער צייכן אויף זייער דרייווערס לייסענס, לערנער פערמיט אדער נישט-דרייווער ID קארטל ביי אלע דעפארטמענט פון מאטאר וויהיקל אפיסעס איבער׳ן סטעיט. די ענדערונג איז איינגעפירט געווארן אין איינקלאנג מיט ניו יארק׳ס דזשענדער אנערקענונג אקט — היסטארישע לעגיסלאציע וועלכע גיבט פארברייטערטע באשיצונגען פאר טרענסדזשענדער און נאָן-ביינערי ניו יארקער דורך דער ענדערונג ביי דעם DMV און דורך גרינגער מאכן פאר מענטשן זיך צו בייטן זייערע נעמען, בייטן זייער סעקס באשטימונג און בייטן זייערע געבורטס סערטיפיקאַטן אויף צו ווייזן זייער אידענטיטעט.

די אויסמעלדונגען קומען אויף די שפורן פון די גרויסע [פארשריטן](#) אין LGBTQ+ גלייכבארעכטיגקייט אויף וועלכע גאווערנער האקול האט געקעמפט און געשאפן אין דעם דורכגעפירטן פינאנץ-יאר 2023 סטעיט בודזשעט. דער בודזשעט נעמט אריין 13.5 מיליאן דאלער פאר׳ן העלט דעפארטמענט צו שטיצן די LGBTQ+ געמיינדע און גיבט מער ווי דאפלט די פריערדיגע יערליכע LGBTQ+ געזונטהייט און מענטשן סערוויסעס פינאנצירונג. אין צוגאב פאדערט דער בודזשעט פון סטעיט אגענטורן צו געבן אן אפציע פאר מענטשן זיך אנצוצייכענען זייער דזשענדער אדער סעקס אלס א נאָן-ביינערי ׳X׳ אויף אלע סטעיט פארעמס וועלכע זאמלען דזשענדער אדער סעקס אינפארמאציע. אגענטורן ווערן אויך געפאדערט אריינצורעכענען די אינפארמאציע אין דאטא פארזאמלונג. דער בודזשעט ערמעגליכט אויך פאר טראנסדזשענדער ניו יארקער זיך צו בייטן זייערע נעמען אדער דזשענדער באשטימונגען אויף הייראט סערטיפיקאטן אן דאס האבן דערויף זייער טויט-נאמען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418